בעזרת השם יתברך

# פרק נא-נב

## • שמיני •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

ווען דער מענטש הייליגט זיך, ווערן זיינע איברים אָנגערופן ״מחנה שכינה״. - די גרויסקייט פון לערנען תורה פאַרן שלאָף, און דאָס זאָגן קריאת שמע מיט כוונה און מקבל זיין יסורים באהבה. - די גאַנצע וועלט איז משועבד אונטער די מצוות עשה און מצוות לא תעשה פון דער תורה.

ווי ווייט מען דאַרף זיין געוואָרענט פון די צבועים וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר ערלעכע אידן. - אַ מעשה פון פסיקתא. - דער מענטש וואָס וויל נישט הנאה האָבן פון אַנדערע מענטשנ'ס געלט, איז דער אמת'ער צדיק.

**רבי חיים פלאג'י** זי"ע, שרייבט וועגן דעם ספר "קב הישר": יעדער זאל לערנען אינעם ספר "קב הישר", ווי אויך אנזאגן זיינע קינדער זיי זאלן אזוי טאן. ער אליין פלעגט יעדן מוצאי-שבת לערנען אינעם "קב הישר".

# אוצר של יראת שמים

**ב. כי אם את ה' אלוקיכם תיראו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).**

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור ליראה את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות -- וזה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**דעו! אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:. יא).**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקינו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקיך תירה אותו תעבוד ובו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי', ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים, בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית. וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**

# אינהאלט
## פון פרקים נ״א - נ״ב

**א.** אין פרק נ״א ווערט ערקלערט: אַז ווען אַ מענטש איז מקדש זיינע איברים רוהט די שכינה אויף אים ..... ה

**ב.** זיי מיר מזכה צו זיין אַ שטול פאַר דער שכינה ..... ה

**ג.** מען דאַרף מדקדק זיין צו זאָגן קריאת שמע מיט גרויס כונה ..... ה

**ד.** די רמ״ח איברים און שס״ה גידין פון דעם מענטש זענען קעגן די רמ״ח מצוות עשה און שס״ה מצוות לא תעשה ..... ו

**ה.** אויב דער מענטש נעמט אָן יסורים באַהבה, זענען די יסורים מטהר דעם גוף און מאַכן אים הייליג ..... ו

❖ ❖ ❖

# פרק נ״א

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: ווען אַ מענטש איז מקדש זיינע איברים רוהט די שכינה אויף אים

**א. כתיב,** עס שטייט (דברים כג, טו) ״וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ״ און דיין מחנה זאָל זיין הייליג, ווי מלאָכים און די כתות און מחנות פון דער שכינה זענען דאָך אַוודאַי הייליג, אַזוי אויך דאַרף דער מענטש הייליגן זיינע גלידער און זיין לייב, ווייל אַז דער מענטש הייליגט זיין גוף און זיינע גלידער, ווערן זיינע גלידער ממש אָנגערופן מחנה שכינה. און אויף זיי ווערט געזאָגט דער פסוק (ויקרא כב, לב) ״וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״ און איך וועל ווערן געהייליגט צווישן די קינדער פון ישראל, (שמות כה, ח) ״וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם״ און איך וועל רוען צווישן זיי. אויב אָבער דער מענטש גייט אין אַ נישט גוטן וועג ברענגט ער זיך אַריין צו דער מחנה פון דער סטראָ אַחרא ח״ו.

## זיי מיר מזכה צו זיין אַ שטול פאַר דער שכינה

**ב. על כן,** דעריבער זאָל זיין שגור אין די מיילער פון מענטשן דער קורצע תפילה ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַכֵּנִי לִהְיוֹת כִּסֵּא לַשְּׁכִינָה״ זיי מיר מזכה צו זיין אַ שטול פאַר דער שכינה, ווייל אַז דער גוף איז הייליג ווערט ער אַ שטול פאַר דער שכינה, ווייל די שכינה רוהט אויף אים און דאָס איז גלייך ווי ער איז אַ שטיל פאַר איר. אָבער אַז דער מענטש פאַרקרומט זיינע וועגן, איז ח״ו פאַרקערט, ער ווערט אַ שטול פאַר דער סטרא אחרא ח״ו.

## מען דאַרף מדקדק זיין צו זאָגן קריאת שמע מיט גרויס כונה

דער מענטש זאָל מדקדק זיין אַז קריאת שמע זאָל ער זאָגן יעדע וואָרט מיט גרויס כונה, ווייל אין קריאת שמע איז פאַרהאַנען רמ״ח תיבות,

צוויי הונדערט און אַכט און פערציג ווערטער, קעגן די רמ״ח אברים, די צוויי הונדערט און אַכט און פערציג גלידער וואָס דער מענטש האָט.

## די רמ״ח איברים און שס״ה גידין פון דעם מענטש זענען קעגן די רמ״ח מצוות עשה און שס״ה מצוות לא תעשה

**ג. ואיתא,** און עס שטייט אין זוהר, (דף נט, ע״א) אַז יעדער מענטש וואָס לייגט קריאת שמע ווי עס דאַרף צו זיין, איז יעדער וואָרט משפיע אויף אַן אַנדערן אבר, אָבער אויב ער לייגט קריאת שמע אָן כונה, דאָס מיינט, זיין האַרץ טראַכט אַנדערע זאַכן, און דאָס האַרץ ווייסט נישט וואָס דער מויל זאָגט, ציט אַרויף יעדע אבר חס ושלום אויף זיך די סטראָ אַחרא, און דעריבער קומען קראַנקייטן און ווייטאָגן אויף מענטשן, ווייל זיי זענען נישט נזהר צו ליינען קריאת שמע מיט כונה. אין ספר כלי חמדה, פרשת בראשית (דרוש ב, ד״ה והנה) שטייט, אַז די רמ״ח איברים און שס״ה גידין פון דעם מענטש זענען קעגן די רמ״ח מצוות עשה און שס״ה מצוות לא תעשה, אַזוי אויך די לענדער און ערטער פון דער וועלט, זענען קעגן די רמ״ח מצוות עשה און שס״ה מצוות לא תעשה.

## אויב דער מענטש נעמט אָן יסורים באַהבה, זענען די יסורים מטהר דעם גוף און מאַכן אים הייליג

**ד. ואמרו,** און די פריערדיגע חכמים האָבן געזאָגט, די ערד וואָס איז אונטער דעם מזל עקרב, איז איבער געגעבן אונטער די ממשלה פון מצוות מילה, און אַ מופת דערצו איז, אַז עקדיסן ווען זיי בייסן איינעם לייגט מען אויף דעם ביס אַ אבר הברית פון אַ קינד וואָס האָט נאָך נישט געזעען קיין ״קרי״, וועט דער ווייטאָג תיכף אפּגעשטילט און די סכנה גייט אַוועק. און נאָך אַ וואונדערליכע סגולה, אַז ווען אַ קינד ווערט געבוירן זאָל מען לייגן אין זיין מויל אַן אבר הברית פון אַ קינד וואָס האָט נאָך נישט רואה קרי געווען, וועט ער ניצול ווערן פון חולי נכפה ר״ל. נאָך זאָלסטו וויסן, אַז די יסורים וואָס

קומען אויפן מענטש, און דער מענטש נעמט עס אָן באַהבה, זענען די יסורים מטהר דעם גוף און מאַכן אים הייליג.

**ה. והענין,** און דער ענין ווערט ערקלערט אין זוהר, פרשת שלח לך (דף קסח, ע״א) אַז די נשמה פון אַ מענטש איז צוגעגליכן צו אַ ליכט, און די טבע פון אַ ליכט איז, אויב עס ברענט נישט ריכטיג צעשאָקלט מען עס אַביסיל, ברענט עס שוין גאַנץ גוט, און דאָס איז דווקא ביי אַ גוטע ליכט, אָבער אויב עס איז אַ שלעכטע ליכט, דאָס מיינט, אַז עס איז געמאַכט פון שלעכטע חלב, איז נאָך ערגער, אויב מען צעשאָקלט עס, ווערט עס גאָר פאַרלאָשן, אַזוי אויך, אַז דער מענטש זינדיגט און די נשמה קען נישט לייכטן אין זיין גוף ווי עס דאַרף, שיקט גאָט ברוך הוא אויף אים יסורים וואָס זיי צעשאָקלן אים, און אַז ער נעמט אָן די יסורים באהבה , לייכט שוין די נשמה אין אים ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער אַז ער איז נישט מקבל באהבה, איז ער אַפילו נישט זוכה, אַז די נשמה זאָל אין אים לייכטן ווי זי האָט געלייכטן אין אים פאַר די יסורים. און די יסורים טוען זיך שטאַרקן איבער אים און איבלן אים, און דער דין ווערט דערוועקט אויף אים, ביז ער נידערט אין טיפן גרוב פון דעם גיהנם, אָבער דער וואָס פאַרכט זיך פאַר גאָט, דערוועהלט זיך בעסער אויס אין לעבן און איז מקבל די יסורים באַהבה, דעמאָלטס איז אים גוט אין עולם הזה און עוֹלָם הַבָּא אָמֵן.

❖ ❖ ❖

# פרק נ״ב

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער מענטש זאָל זיך היטן פון פאַלטשע מענטשן וואָס זעען אויס ווי ״פּרושים״-ערליכע.**

**א. שלמה,** שלמה המלך עליו השלום האָט געשריבן אין משלי (קהלת ז, טז-יז), דו זאָלסט נישט זיין צו פרום, און אַזוי אויך האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט אין מסכת סוטה (כב, יב), זיי געוואָרנט פון די שווינדלער וואס מאכן א פּרומע אנשטעל צו די פרומע לייט און טוען די שלעכטע מעשה פון זמרי און ווילן שכר אַזוי ווי פּנחס און ווען דו זעהסט אַ מענטש וואָס דאַווענט מיט כונה און גייט אַ גאַנצן טאָג אין תפילין מיינסטו אַז ער איז זיכער אַן איש כשר ווייל ער איז שטענדיג עוסק אין מלאכת שמים אָבער ס׳איז גאָר נישט געדרונגען ווייל דו ווייסט נישט וואָס ער טראַכט אין זיין האַרץ.

**איך זאָג דיר אַז דו זאָלסט זיך היטן פון די מענטשן וואָס זענען צו פרום, ווייל זיי ווייזן זיך פאַר מענטשן ווי זיי זענען חסידים אָבער זייער הארץ איז פוהל מיט אומווערדיגקייט**

**ב. ובא וראה,** קום און זעה, וואָס איך האָב געהערט אַ מעשה: דאָס עס איז געווען איין אַלטער מענטש וואָס ער איז געווען אַ גרויסער עושר, און ער האָט נישט געהאַט נאָר איין בן יחיד זייער אַ שיינער און זייער אַ קלוגער. ויהי היום, פאַר זיין שטאַרבן, האָט ער גערופן זיין זון, און האָט אים צוואה געלאָזט. מיין זון זאָלסט וויסן, איך לאָז דיר איבער אַ ירושה פיל געלט און גרויסע אוצרות, און אין דיין לעבן וועסטו האָבן אַלעס גוטס, איך זאָג דיר אַז דו זאָלסט זיך היטן פון די מענטשן וואָס זענען מאסקירט און זיי פראווען פרומקייט מער ווי די טבע פון מענטשען, צו פרום, ווייל זיי ווייזן זיך פאַר מענטשן גלייך ווי זיי זענען חסידים אָבער עס איז פארהאַנען שבע

תועבות בלבם. און היט זיך פון איין ״וְצִדְקָתְךָ״ (דעם סארט פרומער רופט מען ״וְצִדְקָתְךָ״), און דען וועט דיר גוט זיין און צו דיינע קינדער ביז אייביג, און דער אַלטער איז געשטאָרבן.

## זי ווייזט זיך אַרויס ווי אַ ״וְצִדְקָתְךָ״

**ג. ואחר כך,** דערנאָך, האָט דער בחור גענומען אַ אָרימע יתומה פאַר איין ווייב, ווייל זי איז אים וואויל געפעלן, ווייל זי איז זייער שיין געווען, און נאָך דער חתונה האָט ער זיך זייער געפרייט מיט זיין ווייב, און אים האָט זיך געדאַכט אַז זיין ווייב איז אַ צנועה און איין פרומע. אין פיר פינף יאָר אַרום, האָט דער מאַן געזאָגט צו זיין ווייב, קום מיט מיר שפּאַצירן אין מאַרק, האָט זיין ווייב צו אים געזאָגט איך וויל נישט גיין, טאָמער וועל איך קוקן אויף פרעמדע מענער, און פרעמדע מענער וועלן קוקן אויף מיר, וועל איך זיי ברענגען צו איין עבירה. האָט איר מאַן זיך געטראַכט זי ווייזט זיך אַרויס ווי אַ ״וְצִדְקָתְךָ״. ער האָט זיך דערמאַנט אין זיין פאָטער׳ס צוואה, און האָט געשוויגן, און איז אַליין געגאַנגען שפּאַצירן אויפ׳ן מאַרק.

## זיין ווייב האָט נישט געוואוסט אַז ער האָט אַ שליסל צו יעדן צימער

**וואָס האָט** געטאָן דער מענטש, אַ האַלב יאָר אַרום נאָך די מעשה, האָט ער געלאָזט מאַכן צו יעדן צימער פון זיין הויז צוויי שליסלען, און האָט זיין ווייב געגעבן איין שליסל פון יעדן צימער, און איין שליסל האָט ער זיך גענומען, און זיין ווייב האָט נישט געוואוסט אַז ער האָט אַ שליסל צו יעדן צימער.

## נעם דעם שווערד און שטעך מיין מאַן

**ד. ויהי היום,** אַמאָל האָט דער מאַן געזאָגט צו זיין ווייב אַז ער דאַרף גיין אין אַ ווייטן וועג קויפן סחורה. זאָל זי אים אָנגרייטן שפּייז פאַרן וועג. און אַזוי האָט זי געטאָן, ווייל זי האָט

געמיינט אַז ער וועט פאָרן אין אַ ווייטן וועג. דעם אַנדערן טאָג איז ער אַוועק געפאָרן, האָט זי טאַקע געמיינט אַז ער איז אַוועק געפאָרן ווייט. אָבער ער האָט עס געטאָן מיט ערמה. ווען ער איז געווען אַ האַלב מייל פון שטאָט, האָט ער געזאָגט פאַר דעם בעל עגלה ער זאָל מיט אים צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין, און איז נישט געגאַנגען צו זיין הויז נאָר ער איז געפאָרן, וואו אַלע סוחרים פאָרן אַריין, און אַז עס איז געוואָרן טונקל איז ער געגאַנגען צו זיין הויז און האָט געעפענט די ערשטע טיר פון זיין הויז מיט זיין שליסל און איז אַזוי געגאַנגען פון איין שטוב צום אַנדערן ביז ער איז געקומען צו דעם שטוב פון זיין ווייב, האָט ער דערווישט אַז זיין פרוי לאַכט אַרום מיט אַ גוי. ווי די פרוי האָט געזען אַז איר מאַן איז דאָ אין צימער, האָט זי געזאָגט צו דעם מענטש נעם דעם שווערד און שטעך מיין מאַן, האָט דער מאַן מורא געהאַט, און איז אַרויס געלאָפן אויפ'ן גאַס, און פון פיל צער איז ער געגאַנגען און האָט זיך געלייגט אין מאַרק און דאָרט איינגעשלאָפן. אין דער זעלבע נאַכט איז ביים מלך פון שטאָט גע'גנב'עט געוואָרן אַן אוצר, און דער גנב האָט צוגענומען אַלע אבנים טובות פון דעם מלך. איז געווען אַ גרויס געשריי אין דעם מלך'ס פלאַץ.

**ה. וצוה המלך,** האָט דער מלך געהייסן, מען זאָל זוכן אין די וועגן און אין די הייזער, אפשר וועט מען די גנבים געפינען. זענען די שלוחים געגאַנגען אין האָבן געזוכט אין שטאָט, און האָבן געפונען ווי דער עושר ליגט אויף דער גאַס און שלאָפט, האָבן זיי געטראַכט דאָס איז אַוודאי דער גנב און האָבן אים געכאַפט. מען האָט גע'פסק'נט מען זאָל אים פריער שטאַרק פייניגען, און דערנאָך זאָל מען אים הענגען.

### דער איז אויך פון די "וְצִדְקָתְךָ"

**בשעת מען** האָט אים געפירט הענגען, איז אַ גלח מיט אים געגאַנגען, און דער גלח האָט אים געפירט אין איין גאַס

וואָס דאָרט איז געווען מיסט, און ווערים זענען אַרויס געגאַנגען פון דער ערד, האָט דער גלח געזאָגט צום תליין, ער זאָל דעם מענטש פירן אַרום די ווערים כדי ער זאָל מיט די פיס נישט צוטרעטן די ווערים, ווייל די תורה האָט געוואָרענט אַז מען זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אַלע באַשעפענישן (תהילים קמה, ט), דערפאַר דאַרף מען אויף די ווערים רחמנות האָבן. האָט דער מענטש זיך געטראַכט אין זיין האַרץ, דער איז אויך פון די "וְצִדְקָתְךָ".

## וואָס פאַר אַ שייכות האָסטו מיט דעם גלח, אַז איר זאָלטביידע גנב'ענען

**ז. אמר האיש,** האָט דער מענטש געזאָגט צום מלכות באַאמטע, איך וועל אייך זאָגען דעם אמת אַז איך מיט דעם גלח האָבן צוזאַמען געטאָן די גניבה אין הויף פון מלך. האָבן די שומרים דעם מענטש געכאַפּט, און דער מלך האָט געהייסן זוכן אין אַלע שטיבער פון גלח און מען האָט דאָרט געפונען די גניבה. האָט דער מלך געפרעגט דעם עושר וואָס פאַר אַ שייכות האָסטו מיט דעם גלח, אַז איר זאָלט ביידע גנב'ענען. האָט דער מענטש דערציילט דעם מלך די גאַנצע מעשה ווי דער פאָטער האָט אים צוואה געלאָזט ער זאָל זיך דערווייטערן פון איין "וְצִדְקָתְךָ" און וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיט זיין ווייב, און אויך ווי ער האָט געזען דעם גלח איז איין "וְצִדְקָתְךָ", דערפאַר האָט ער זיך נוקם געווען אין אים. האָט דער מלך אויסגעפאָרשט זיין ווייב, האָט זי מודה געווען דעם אמת. האָט דער מלך געהייסן דעם מאַן פון די פרוי אַהיים לאָזן, און צו זיין ווייב האָט ער געהייסן, איר קאָפּ אַראָפּנעמען, און די גלח געהייסן הענגען, און אַזוי האָט מען געטאָן.

**ח. נלמד מזה,** פון דער מעשה קען מען לערנען אַז דער מענטש זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם וואָס ער זעט אַ מענטש איז זייער פרום, ווייל ער ווייסט נישט וואָס ביי אים אין האַרץ

ליגט. נאָר דעם כלל נעם דיר, דער וואָס וויל נישט נהנה זיין פון זיין חבר׳ס געלט און אַוודאי נישט קיין גזילה אָדער גניבה געלט, און זיין משא ומתן איז באמונה, דער איז בוודאי אַ צדיק, אָבער אַז ער קושט די תפילין און דאַוונט זייער פרום און זיין משא ומתן איז נישט באמונה, מוז מען זיך פון אים דערווייטערן מיט יעדע סאָרט דערווייטערונג. די עיקר יראה און פרומקייט איז נאָר אין געלט, און דער מענטש וואָס האַנדעלט ערליך מיט מענטשן, און קען ביישטיין דעם נסיון פון געלט, דער איז אַ רעכטער צדיק. און אויף אים שטייט אין פסוק (תהלים קכח, ב) ״יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל״, ״אַשְׁרֶיךָ״ בָּעוֹלָם הַזֶּה, ״וְטוֹב לָךְ״ בָּעוֹלָם הַבָּא״, אַז די וועסט עסן פון דיין ״יְגִיעַ כַּפֶּיךָ״ און וועסט נישט וועלן יענעמ׳ס, ״אַשְׁרֶיךָ״ בָּעוֹלָם הַזֶּה״ איז דיר וואויל אויף דער וועלט, ״וְטוֹב לָךְ״ בָּעוֹלָם הַבָּא״ און אויף יענער וועלט וועט דיר אויך גוט זיין.

❖ ❖ ❖